# דער צווייטער בריוו צו די טעסאַלאָניקער

א פּאָולוס, און סילוואַנוס, און טימאָטעאוס, צו דער קהִילה פֿון די
טעסאַלאָניקער אין גאָט, אונדזער פֿאָטער, און דעם האַר יֵשוּעַ
2 הַמָשִיחַ: חֶסֶד צו אײַך און שָלום פֿון גאָט, דעם פֿאָטער, און דעם
3 האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. מיר זענען מחויב תָמיד צו דאַנקען גאָט
פֿאַר אײַך, ברידער, ווי סע דאַרף צו זײַן, וואָרים אײַער אֶמונה
וואַקסט זייער שטאַרק, און די ליבע פֿון יעטווידן פֿון אײַך מערט
4 זיך פֿון אײנעם צום אַנדערן אַזוי, אַז מיר אַליין רימען זיך מיט אײַך
אין די קהִילות פֿון גאָט פֿונוועגן אײַער סַבלָנות און אֶמונה אין
אַלע אײַערע רדִיפֿות און אין די צָרות, וואָס איר טראָגט איבער.
5 דאָס איז אַן אָפֿענער צייכן פֿון דעם רעכטפֿאַרטיקן מִשפּט פֿון
גאָט, כּדי איר זאָלט גערעכנט ווערן צו זײַן רָאוי פֿאַר דעם
6 מַלכות פֿון גאָט, פֿאַר וועלכן איר טוט אויך לײַדן; בכֵן, אויב
עס איז רעכט בײַ גאָט צו פֿאַרגעלטן פּײַן צו די, וואָס פּײַניקן
7 אײַך, און אײַך, וואָס זענט געפּײַניקט, מנוחה מיט אונדז, בײַ דער
אַנטפּלעקונג פֿון דעם האַר יֵשוּעַ פֿון הימל מיט די מַלאָכים פֿון
8 זײַן שטאַרקייט אין פֿלאַמיקן פֿײַער, בעת ער וועט פֿאַרגעלטן
נקָמה צו די, וואָס קענען ניט גאָט, און צו די, וואָס געהאָרכן
9 ניט די בשׂורה טובה פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ. זיי וועלן לײַדן
די שטראָף פֿון אײביקער פֿאַרדאַרבונג פֿון פֿאַר דעם פָּנים פֿון
10 דעם האַר און פֿון דער הערלעכקייט פֿון זײַן מאַכט, בעת ער
וועט קומען פֿאַרהערלעכט צו ווערן בײַ זײַנע הייליקע, און ווערן
באַוואונדערט פֿון אַלע גלויביקע, וואָרים אונדזער עֵדות בײַ אײַך
11 איז געווען באַגלויבט. איבערדעם זענען מיר אויך תָמיד מִתפּלֵל
פֿאַר אײַך, אַז אונדזער גאָט זאָל אײַך האַלטן צו זײַן רָאוי אין
אײַער באַרופֿונג, און זאָל דערפֿילן מיט שטאַרקייט יעדן באַגער
12 פֿון גוטסקייט און טועונג פֿון אֶמונה, כּדי דער נאָמען פֿון אונדזער
האַר

האַר יֵשוּעַ זאָל זיין אין אייך פאַרהערלעכט, און איר אין אים,
לויט דעם חֶסֶד פון אונדזער גאָט און דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
ב און מיר בעטן אייך, ברידער, אין שייַכות מיט דעם קומען פון
אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און אונדזער אייַנזאַמלונג צו אים,
2 אַז אייער פאַרשטאַנד זאָל ניט פלוצים צערירט ווערן, און אייך
ניט דערשראָקן ווערן, סיי דורך אַ גייסט, אָדער דורך אַ וואָרט,
אָדער דורך אַ בריוו, ווי ער וואָלט געווען פון אונדז, גלייך ווי
3 דער טאָג פון דעם האַר איז שוין געקומען. לאָז קיינער אייך
בשום־אופן ניט פאַרפירן: וואָרים סע וועט ניט געשען, סיידן
סע וועט קודם קומען די אָפּפאַלונג, און סע וועט אַנטפּלעקט
4 ווערן דער מענטש פון זינד, דער זון פון פאַרדאַרבונג, דער,
וואָס ווידערשפעניקט און דערהייכט זיך קעגן אַלץ, וואָס ווערט
אָנגערופן גאָט, אָדער וואָס ווערט געדינט, אַזוי, אַז ער זיצט
5 אין דעם הֵיכל פון גאָט, און גיט זיך אַרויס ווי אַ גאָט. צי
געדענקט איר ניט, אַז בעת איך בין נאָך געווען מיט אייך, האָב
6 איך אייך דאָס געזאָגט? און איר ווייסט אַצינד, וואָס עס טוט אים
אויפהאַלטן, כדי ער זאָל אַנטפּלעקט ווערן אין זיין געהעריקער
7 צייט. וואָרים דער סוד פון רִשעות טוט שוין ווירקן; אָבער
דער, וואָס טוט עס אַצינד אויפהאַלטן, מוז צוערשט אָפּגעטאָן
8 ווערן פון דעם וועג. און דעמאָלט וועט אַנטפּלעקט ווערן דער
רָשע, וועמען דער האַר יֵשוּעַ וועט טייטן מיט דעם אָטעם פון זיין
מויל, און אים אומברענגען דורך דער דערשיינונג פון זיין קומען.
9 וואָס זיין קומען איז לויט דער ווירקונג פון דעם שָטן מיט דער
10 גאַנצער קראַפט און צייכנס און פאַלשע וואונדער, און מיט דער
גאַנצער אָפּנאַרערייַ פון אומגערעכטיקייט פאַר די, וואָס ווערן
פאַרלוירן; מחמת זיי האָבן ניט מקַבל געווען די ליבע פון דעם
11 אֶמת, כדי זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן. און צוליב דעם שיקט
12 זיי גאָט אַ ווירקונג פון טָעות, אַז זיי זאָלן גלייבן אַ ליגן; כדי זיי
זאָלן אַלע געמִשפּט ווערן, וואָס האָבן ניט געגלייבט דעם אֶמת,
13 נייערט האָבן געהאַט פאַרגעניגן אין אומגערעכטיקייט. מיר

אבער

אָבער זענען מחויב תָמיד צו דאַנקען גאָט פאַר אייך, ברידער
באַליבטע פון דעם האַר; וואָרים דערפאַר האָט אייך גאָט
אויסדערוויילט פון תּחִילת אָן צו דער ישועה, דורך הייליקייט פון
14 דעם גייסט און אֶמונה פון דעם אֶמת; צוליב וואָס ער האָט אייך
באַרופן דורך אונדזער בשׂורה טובה, צו קריגן די הערלעכקייט
15 פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. בכֵן, ברידער, שטייט פעסט,
און האַלט זיך אין די טראַדיציעס, וואָס מע האָט אייך געלערנט,
16 סיי דורך וואָרט, אָדער דורך בריוו פון אונדז. און אונדזער האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ אַליין, און גאָט, אונדזער פאָטער, וואָס האָט אונדז
ליב געהאַט און אונדז געגעבן אייביקע טרייסט און גוטן בטָחון
17 דורך חֶסֶד, זאָל טרייסטן אייערע הערצער און זיי גרונטפעסטיקן
אין יעדער מעשׂה טובה און יעדעם גוטן וואָרט.
ג צום סוף, ברידער, זייט מִתפַּלֵל פאַר אונדז, אַז דאָס וואָרט פון
דעם האַר זאָל יאָגן און פאַרהערלעכט ווערן, אַזוי ווי עס איז אויך
2 ביי אייך, און אַז מיר זאָלן ניצול ווערן פון פאַרדאָרבענע און
3 בייזע מענטשן; וואָרים ניט אַלע האָבן אֶמונה. אָבער דער האַר
איז געטריי, וואָס וועט אייך שטאַרקן און באַהיטן פון דעם בייזן.
4 און מיר זענען בטוחַ אין דעם האַר בנוגע אייך, אַז איר טוט און
5 וועט אייך טאָן דאָס, וואָס מיר באַפעלן. און דער האַר זאָל פירן
אייערע הערצער צו דער ליבע פון גאָט, און צו דער סַבלָנות
6 פון מָשִיחַן. און מיר באַפעלן אייך, ברידער, אין דעם נאָמען
פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אַז איר זאָלט זיך אָפשיידן פון
יעדן ברודער, וואָס פירט זיך אומאָרנטלעך, און ניט לויט דער
7 טראַדיציע, וואָס איר האָט מקַבל געווען פון אונדז. וואָרים איר
אַליין ווייסט, וויאַזוי איר דאַרפט אונדז נאָכטאָן; וואָרים מיר
8 האָבן זיך ניט באַנומען אומאָרנטלעך צווישן אייך, מיר האָבן
אויך ניט געגעסן אומזיסט ברויט ביי עמיצן, נייערט אין מִי און
מאַטערניש האָבן מיר געאַרבעט טאָג און נאַכט, כּדי מיר זאָלן
9 קיינעם פון אייך ניט זיין קיין לאַסט. ניט מַחמת מיר האָבן
ניט געהאַט קיין רשות, נייערט צו מאַכן זיך אַ ביישפיל פאַר
אייך

10 אייך, כּדי איר זאָלט אונדז נאָכטאָן. וואָרים אַפילו בעת מיר
זענען געווען מיט אייך, האָבן מיר אייך אָט־דאָס באַפוילן: אויב
11 עמיצער וויל ניט אַרבעטן, זאָל ער אויך ניט עסן. וואָרים מיר
הערן, אַז עטלעכע צווישן אייך פירן זיך אויף אומאָרנטלעך, און
12 טוען בּכלל ניט אַרבעטן, נייערט זענען קאָכלעפל. און אַזעלכע
באַפעלן מיר און וואָרענען אין דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אַז זיי
13 זאָלן אַרבעטן בּמנוחה, און עסן זייער אייגן ברויט. איר אָבער,
14 ברידער, ווערט ניט מיד צו טאָן גוטס. אויב עמיצער טוט ניט
געהאָרכן אונדזער וואָרט דורך דעם דאָזיקן בריוו, מאַרקירט
יענעם מענטשן, און חַברט זיך ניט מיט אים, כּדי ער זאָל
15 פאַרשעמט ווערן. פאַררעכנט אים אָבער ניט פאַר קיין שׂונא,
16 נייערט שטראָפט אים ווי אַ ברודער. און דער האַר פון שָלום
אַליין זאָל אייך תָּמיד געבן שָלום אויף אַלע וועגן. דער האַר זאָל
17 זיין מיט אייך. דער גרוס פון מיר, פאָולוס, מיט מיין אייגענער
18 האַנט, וואָס איז דער צייכן אין יעדן בריוו; אַזוי שרייב איך. דער
חֶסֶד פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ זאָל זיין מיט אייך אַלע.